# I   אַ מאַנטל פון אַ טונקעלן געוואַנטל.

בײַ אַ שנײַדער אין קאָמאָרע,
פול מיט קינדער, קײַן עין־הרע,
קינדער פּיצעלעך ווי מאָן,
שטייט אַ וויגל אויבנאָן.

איצטער הייבט זיך אָן די מעשה,
נישט פון ציגעלעך קיין ווײַסע,
נאָר אַ מעשה פון אַ מאַנטל
פון אַ טונקעלן געוואַנטל.

האָט מען אויפגענייט אַ מאַנטל
פון אַ טונקעלן געוואַנטל
פאַרן עלטסטן בחור שמואל,
ער זאָל קענען גיין אין שול.

גייט אים שמואליק יאָרן דרײַ,
איז דער מאַנטל שפּאָגל־נײַ.
גייט אים שמואליק נאָך אַ יאָר,
איז דער מאַנטל שענער גאָר.

איינמאָל שמואליק טוט אים אָן,
איז דער מאַנטל קורץ אין סטאָן.

ווערט אַ טומל אין קאָמאָרע:
— נאַ דיר גאָר אַ נײַע צרה!
שמואליק טוט דעם מאַנטל אָן,
איז דער מאַנטל קורץ אין סטאָן!

נו, איז מילא —
טוט שוין אָן דעם מאַנטל ביילע.

גייט אים ביילע יאָרן דרײַ,
איז דער מאַנטל שפּאָגל־נײַ.
גייט אים ביילע נאָך אַ יאָר,
איז דער מאַנטל שענער גאָר.

איינמאָל ביילע טוט אַ שפּרײַ,
פּלאַצט אין מאַנטל נעטלעך דרײַ.

ווערט אַ טומל אין קאָמאָרע:
— נאַ דיר גאָר אַ נײַע צרה!
טאָמער ביילע טוט אַ שפּרײַ,
פּלאַצט אין מאַנטל נעטלעך דרײַ!

וואָס־זשע קען דאָ זײַן דער מער?
גייט אין מאַנטל יאָסל־בער.

גייט ער אין אים יאָרן דרײַ,
איז דער מאַנטל שפּאָגל־נײַ.
גייט ער אין אים נאָך אַ יאָר,
איז דער מאַנטל שענער גאָר.

איינמאָל פאַלט ער אויף די טרעפּלעך,
און אַ סוף צו אַלע קנעפּלעך.

ווערט אַ טומל אין קאָמאָרע:
— נאַ דיר גאָר אַ נײַע צרה!
גיין און פאַלן אויף די טרעפּלעך
און פאַרלירן אַלע קנעפּלעך!

און עס פּסקנט דאָס געזינדל:
— זאָל שוין גיין אין מאַנטל הינדל.